# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת יתרו, כ' שבט, שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 21 (435)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:14
מוצאי שב"ק....................6:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........דברי הימים-ב א'-ב'
בבלי.......................ברכות מ"ג
ירושלמי..................פסחים ח'
תוספתא....................נגעים ג'
רמב"ם.................שכירות י"א

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר - כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה"; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קֶען מֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט פָאר עֶפֶּעס צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיף בְּרֶענְגֶען אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, וַוייל דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. לְמָשָׁל, אַ מַאן טָאר נִישְׁט דֶערְקוּטְשֶׁען זַיין וַוייבּ מִיטְן דֶערְמַאנֶען פַאר אִיר אַלְטֶע זַאכְן פוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וֶוען זִי הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ וְכוּ'; קוֹדֶם כָּל דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כה, יז): "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ, וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא מְצִיעָא נח:): "אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה, אַל יֹאמַר לוֹ: 'זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים'", זָאג נִישְׁט פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה: "גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וֶוען דוּ הָאסְט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת?" דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶער אוֹיף אִיבֶּערְצוּקַייעֶן אַלְטֶע וֶוייטָאגְן; הֶער אוֹיף אִיבֶּער צוּ זָאגְן, צֶעגֶערְן אוּן רוֹדֶפְ'ן דַיין וַוייבּ מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת: "גֶעדֶענְקְסְט הָאסְט מִיר דֶעמָאלְט וֵויי גֶעטוּן", "גֶעדֶענְקְסְט אַמָאל הָאסְטוּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס", וַוייל אַז מֶען רַייסְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט אוֹיף לְהַבָּא - אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ טוּישְׁן צוּם גוּטְן, נָאר פַארְקֶערְט, עֶס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צֶעקְלַאפְּט וֶוערְן וְכוּ'.

דֶערְפַאר פַּאלְן הַיינְט אַוֶועק זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער פוּן אִידִישְׁקֵייט, וַוייל וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז שׁוֹין מַחְלִיט אַז עֶר וִויל וֶוערְן גוּט, קוּמְט צוּגֵיין וְכוּ' אוּן זָאגְט אִים: "דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ קֶענְסְט וֶוערְן גוּט, דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס!" אוּן עֶר רֶעכְנְט אִים אוֹיס אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, בִּיז דֶער בָּחוּר אִיז מַחְלִיט אַז עֶר גֵייט אֲפִילוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וֵויינֶען אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וָואס זִי אִיז נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז עֶר גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער גַּלָח הָאט אִיר פַארְכַאפְּט - וָואס קֶען עֶר יֶעצְט טוּן, וִוי אַזוֹי נֶעמְט עֶר אִיר אַרוֹיס פוּן דָארְט? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן עֶר זָאל נֶעמֶען מִיט זִיךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן מִיט אַ וָואגְן וָואס אִיז גוּט פַארְמַאכְט, עֶר זָאל אַרִיבֶּער פָארְן דֶעם גַּלַח'ס הוֹיז, אוּן דָאס מֵיידְל וֶועט דֶעמָאלְט שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן. דִי מִינוּט וָואס זִי וֶועט אִים זֶען וֶועט זִי גְלַייךְ לוֹיפְן צוּ אִים, דַאן זָאל עֶר אִיר אַרַיין נֶעמֶען אִינֶעם וָואגְן אוּן גְלַייךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט מִיט אִיר, וְכַךְ הֲוָה; נָאכְדֶעם וָואס דִי מֵיידְל אִיז אַרוֹיסְגֶעַראטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דָארְט הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גְלַייךְ אַ כַּלָּה גֶעמַאכְט מִיט אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין יֶענֶעם דָארְף, אַ פָּשׁוּטֶ'ער בָּחוּר אַ שׁוּסְטֶער. פַאר דִי חֲתוּנָה הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען פַאר דַיין וַוייבּ דִי מַעֲשֶׂה וָואס זִי הָאט גֶעהַאט מִיטְ'ן גַּלַח - אַז זִי אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אִים וְכוּ' אוּן אַז זִי הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט שְׁמַדְ'ן הַשֵּׁם יְרַחֵם", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ צוּזָאג, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מִיט דִי אַלְטֶע מַעֲשֶׂה וְכוּ', זָאגְט עֶר אִים צוּ אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; וְכַךְ הֲוָה, דֶער אִיד הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים אוּן גְרוֹיסֶע רַבָּנִים.

אִיךְ זָאג דִיר, אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס בְּרָכָה גֵייט נָאךְ הַיינְט אָן; אַז דוּ נֶעמְסְט זִיךְ פָאר מֵהַיּוֹם אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן זִי וֶועט דִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מִיט אַלְטֶע זַאכְן פוּן דִיר, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ וְכוּ', וֶועט אִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים. אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט אִיר וַוייטֶער דֶערְקוּטְשֶׁען אוּן וַוייטֶער טְשֶׁעפֶּען מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַמָאל וְכוּ', וֶועסְטוּ הָאבְּן בָּנִים שׁוֹטִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעְסָן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשע"ז)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זֵיי מִיר מוֹחֵל

מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ם, וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעריבֶּער אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן דִיר צוּ דֶערְצֶערְעֶנֶען, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת וִויל מֶען זַיין וואוֹיל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אַז אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר אִים אוּן זָאגְן אַז עֶר וִויל זַיין גוּט. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פֶּרֶק כ"ד) אַז

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען: "אִם כְּמִדָּתָהּ - כְּשֵׁרָה", אַז מֶען זֶעט אַ בָּחוּר מִיט גוּטֶע מִידוֹת אִיז שׁוֹין גוּט, דָאס וַוייזְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז גוּט אוּן עֶר וֶועט זַיין גוּט.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, וַיֵּשֶׁב): יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁמַּעֲשֵׂיהֶם מְקֻלְקָלִים, רַק מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם אֵיזֶה מִדָּה טוֹבָה מִצַּד הַטֶּבַע, דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא לֵב טוֹב, גּוֹמֵל חֶסֶד, וְעוֹשֶׂה טֵובוֹת עִם בְּנֵי אָדָם, זֶה מוֹעִיל לָהֶם שֶׁחוֹזְרִים לְמוּטָב", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זֵיי טוּעֶן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן גוּטְס אִין זִיךְ; אַ גוּט הַארְץ, זֵיי טוּעֶן חֶסֶד פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, דָאס הֶעלְפְט זֵיי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים כג, ו) "אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי", 'אַךְ' אִיז אַ מִיעוּט, אַז מֶען הָאט אִין זִיךְ 'אַךְ טוֹב' - אַבִּיסְל גוּטְס, דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז 'יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי, וְשַׁבְתִּי בְּבֵית ה' לְאֹרֶךְ יָמִים'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תש"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וִוי מֶער מְ'בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער, אַלְץ מֶער זֶענֶען זֵיי מַצְלִיחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, אוּן אִים דֶערְבֵּיי גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט; מֵיין נִישְׁט אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פְּשׁוּטֶ'ע עֶלְטֶערְן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן וֶועלְן נָאר דִיךְ דִינֶען; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוֹיס מַיינֶע פְּשׁוּטֶ'ע תְּפִילּוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן גֶעבּ מִיר קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין דָבוּק צוּ דִיר. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן חֲסִידִישׁ אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין קַאלְט וְכוּ'".

וִוי מֶער מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִוי מֶער אַ מַאמֶע וֵויינְט פַאר אִירֶע קִינְדֶער - בַּאוַואסֶערְט זִי אִיר גָארְטְן. פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז וַואקְסְן שֵׁיין נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען בַּאוַואסֶערְט עֶס, אַזוֹי אוֹיךְ - אוּן נָאךְ מֶער וַואקְסְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶע דוֹר עֶרְלִיכֶע אִידְן אַז מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִילִּים אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ נוּצְן בִּילְדֶער פוּן דִי קִינְדֶער פַאר עֶדְוֶועטַייזְמֶענְטְס צוּלִיבּ כַּמָּה סִיבּוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תש"פ)

## מִיטְ'ן גוּף קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵיילִיגְט אוּן גֶעוַואשְׁן דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן שְׁלָאפְן. אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָאלְק, וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

>>>>>>

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוערְטֶער. עֶר וִויל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים שׁוֹין מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אָבֶּער אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר אֵייבִּיג דִי וִדוּי בַּיים דַאוֶונֶען לוֹיט דִי א' ב' – אָ'שַׁמְנוּ בָּ'גַדְנוּ גָ'זַלְנוּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי דִי לַאנְגֶע "עַל חֵטְאְ'ס" גֵייט עֶס אוֹיךְ לוֹיט דִי א' ב'. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען נוּצְט דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיף זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין, מִיט דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

אוּן דֶערִיבֶּער, וַוייל דָאס זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט אַזוֹיפִיל פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אַזוֹי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין יֶעדְן טָאג בַּיי תַּחֲנוּן, אוּן טֵייל זֶענֶען זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן "שְׁמַע קוֹלֵנוּ", אוֹיךְ דִי וָואס זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זֶענֶען זִיךְ דָארְט נָאכְאַמָאל מִתְוַודֶה.

דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶער קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אוּן עֶר טְרַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין צוּ אִים, אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

### אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט אֶמֶתְ'דִיג

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אִיז דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאךְ נִישְׁט אֶמֶתְ'דִיג וָואס עֶר זָאגְט. עֶר זָאגְט טַאקֶע פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווָאויל, אוּן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אֵייבִּיג זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר גוּט. עֶר וֵוייסְט דָאךְ אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ דֶעם אֶמֶת אַז עֶר זָאגְט דָאס נִישְׁט אֶמֶתְ'דִיג מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

דֶער אֶמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֶמֶתְ'דִיג אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן עֶס נוּצְט אוֹיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְעָם, זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, לד) "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי" - בִּלְעָם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מַלְאָךְ אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹדֶה אוּן מִתְוַודֶה אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ', ל"ו) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוּן זָאגְט "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", דַאן קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא רָשָׁע וִוי בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט זִיכֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן; וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער מִתְוַודֶה גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן צוּ זַיין אַזוֹי וִוי בִּלְעָם, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין ווָאויל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס צוּ אִים.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט זָאגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן אֶמֶת אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועלְן אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֵיין מֶער אוּן מֶער אִין זַיין הַארְץ, בִּיז עֶר וֶועט עֶס טַאקֶע יָא זָאגְן מִיט אַן אֶמֶת. עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֶמֶתְ'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן ווָאויל אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ וִדוּי)

>>>>>>

נאמען פון רבי'ן נאך נישט געווען באקאנט בכלל פאר זייער אסאך אידן, און חפץ ה' בידו הצליח אז ער האט זוכה געווען ארייצוברענגען די עצות און לימודים פון רבי'ן אין די גאנצע וועלט.

און דאס איז אונזער פליכט ווייטער ממשיך צו זיין, יעדער האט זיך זיין וועג ווי אזוי ער קען איבערגעבן די לימודים ווייטער פאר נאך אידן, אויב דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן און אונז געברענגט צום הייליגן רבי'ן, דארפן מיר דאס פארגינען אויך פאר נאך איינעם.

נארישע מענטשן האבן מורא פון די "כאפערס", די געטרייע מפיצים וואס טראגן ארום און פארשפרייטן די הייליגע ספרים און קונטרסים. וואס וויל זיי דען? וואס שטייט אין די קונטרסים? די איינציגסטע זאך וואס די קונטרסים ברענגען ארויס איז דאך נאר צו מקרב זיין יעדן איד צום אייבערשטן, צו ווייזן פאר יעדן איינציגסטן מענטש אז ער האט נאך אויך א וועג מצליח צו זיין אויף דער וועלט, אז ער זאל קיינמאל נישט אויפגעבן נאר שטענדיג זיך אויפהויבן און זיך מחזק זיין, צו וויסן א וועג ווי אזוי מחנך צו זיין די קינדער, ווי אזוי צו האבן שלום בית, און נאך פילע גוטע עצות אין לעבן. ווען דער מפיץ קומט צום טיר מיט א קונטרס, איז ער נישט דא געקומען צו פארכאפן מענטשן קיין ברסלב, ער איז געקומען מזכה צו זיין אידן מיט חיזוק און אמונה, מיט עצות און הילף, מ'זאל ווייטער קענען אנגיין אין לעבן, נאר אויך ארייננעמען דעם אייבערשטן אין זייער לעבן.

נאך די דרשה האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דערנאך איז פארגעשטעלט געווארן א שיינע סלייד פרעזענטאציע איבער די גרויסקייט פון הפצה, מען האט געהערט ערשטהאנטיגע מעשיות פון פילע אידן ווי אזוי די הייליגע ספרים און קונטרסים האבן זיי מחיה געווען און זיי געגעבן א נייעם לעבן. ווי אויך האט מען געהערט די ערשטע דרשה וואס מוהרא"ש ז"ע האט געגעבן אין ישיבה תפארת התורה אין יאר תשס"ט. און דערנאך האט מען געדאווענט מעריב און דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט פרישע קבלות טובות זיך צו שטארקן ווייטער מיט די לימודים פון מוהרא"ש און ארויסהעלפן דאס פארשפרייטן איבער די וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן טאקע זיך ווייטער האלטן אינאיינעם און ממשיך זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

**לזכר עולם יהיה צדיק!**

***

# גאר גרויסע אינטערעסע צו די פלעי "דער בערגער און דער ארעמאן" דעם זונטאג און מאנטאג משפטים

די נייעס איבער די גאר דראמאטישע העכסט אינטערעסאנטע פלעי "דער בערגער און דער ארעמאן" וואס ווערט אהערגעשטעלט קומענדיגע וואך אי"ה דורך די "בית פיגא ברסלב" תלמידות, איז געווארן זייער שנעל צעשפרייט ביי פרויען און מיידלעך. כאטש וואס מ'האט צוגעגרייט צו מאכן דריי מאל די פלעי, לויפן אבער אויס די טיקעטס גאר שנעל.

אין לויף פון די יארן האט די סקול שוין אויפגעשפילט גאר שיינע פארשטעלונגען פון די מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, אבער דאס מאל אנטשפרעכט עס צו זיין גאר א פראפעסיאנאלע געלונגענע פלעי, וואס וועט האלטן געשפאנט די צושויער און זיי באגלייטן אויף ווייטער פאר א לאנגע צייט.

די פארשטעלונג וועט זיין פון די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, מיט'ן נאמען "דער בערגער און דער ארעמאן", וואס איז די צענטע מעשה אינעם הייליגן ספר "סיפורי מעשיות".

די מעשה פאר זיך איז גאר א דראמאטישע ערציילונג, פונעם רייכן סוחר (בערגער) וואס האט זיך משדך געווען מיט אן ארעמאן, ווי אזוי די חתן און כלה זענען צעטיילט געווארן, די שווערע מיטמאכענישן וואס זיי ביידע זענען דורכגעגאנגען פאר לאנגע יארן, ביז צו די פרייליכע ענדע ווען זיי האבן זיך ענדליך צוזאמגעטראפן און גליקליך חתונה געהאט. אין לויף פון די סצענעס וועט מען מיטהאלטן לעבעדיג די פרייליכע און טרויעריגע מאמענטן, אנגעצויגענע און רואיגע מצבים, און זען ווי אזוי אמונה און תפילה באגלייטן יעדן איד דורך די שווערסטע אומשטענדן.

די פלעי וועט פארקומען אי"ה אין די זאלן פון עדן פאלאס אין וויליאמסבורג אויף 420 פלאשינג עוועניו, דעם קומענדיגן זונטאג פ' משפטים (Feb. 16) אום 2:00 אזייגער נאכמיטאג און אום 8:00 ביינאכט, און אויך אום מאנטאג פ' משפטים (Feb. 17) אום 8:00 ביינאכט. מ'קען שוין קויפן טיקעטס דורכ'ן אריינרופן אין אפיס פון די סקול אויף 718-384-1652 עקסטענשאן 201. אויך קען מען קויפן טיקעטס ביי אלע "פארקאש טליתים" לאקאציעס, און ביי "טויס טא דיסקאווער" אין וויליאמסבורג און אין בארא פארק.

כאפט אריין צו קויפן טיקעטס ווי שנעלער, ווי לאנג עס איז נאך דא צו באקומען.

**לבית יעקב אלו הנשים!**



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין פַּרְנָסָה, וָואס טוּ אִיךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, מִיט צְוֵויי קִינְדֶערְלֶעךְ ב"ה. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט פַארְלוֹירְן מַיין פַּרְנָסָה, דִי בִּיזְנֶעס וואו אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט, אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ שׁוֹין אָן פַּרְנָסָה פַאר אַ חוֹדֶשׁ. קֶענְט אִיר מִיר אֶפְשָׁר גֶעבְן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-ב, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַ רִינְגְל אוֹיף זַיין פִינְגֶער, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דֶעם דִי דְרֵיי אוֹתִיּוֹת ג' ז' י', אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ צָרָה, הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין קוּקְן אוֹיף דֶעם רִינְגְל אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט. דִי מְשָׁרְתִים הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דָא צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם רִינְגְל, אוּן פַארְוָואס שְׁמֵייכְלְט עֶר, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם רִינְגְל אוּן וָואס מֵיינֶען דִי אוֹתִיּוֹת ג' ז' י'? הָאט זֵיי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער: "גַּ'ם זֶ'ה יַ'עֲבוֹר" - דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין. אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵּק אַז: "גַּם זֶה יַעֲבוֹר", דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ קוּקְן אוֹיף דֶעם רִינְגְל אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז "גַּם זֶה יַעֲבוֹר", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת דַּף סג.): "כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ, כּוֹפְלִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ", וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין צָרָה, טָאפְּלְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין פַּרְנָסָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זַיין וַוייבּ, זַיין פַּרְנָסָה, זַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶעס אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען קַיין פַּרְנָסָה יֶעדֶע זַאךְ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא עו.): "שָׁאֲלוּ תַּלְמִידָיו אֶת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, מִפְּנֵי מַה לֹּא יָרַד לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל מָן פַּעַם אַחַת בַּשָּׁנָה?" דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעדַארְפְט מַאכְן עֶס זָאל יֶעדְן טָאג פַאלְן מָן פוּן הִימְל, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט קוּמֶען מָן פוּן הִימְל נָאר אֵיינְמָאל אַ יָאר? "אָמַר לָהֶם, אֶמְשׁוֹל לָכֶם מָשָׁל, לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּן אֶחָד, פָּסַק לוֹ מְזוֹנוֹתָיו פַּעַם אַחַת בַּשָּׁנָה, וְלֹא הָיָה מְקַבִּיל פְּנֵי אָבִיו אֶלָּא פַּעַם אַחַת בַּשָּׁנָה, עָמַד וּפָסַק מְזוֹנוֹתָיו בְּכָל יוֹם, וְהָיָה מְקַבִּיל פְּנֵי אָבִיו כָּל יוֹם", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד, עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן גֶענוּג גֶעלְט עֶר זָאל קֶענֶען לֶעבְן אַ גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם קֶענִיג אַ גַאנְצֶע יָאר, בִּיז דִי גֶעלְט הָאט זִיךְ אִים אוֹיסְגֶענוּצְט; דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ זַיין קִינְד, הָאט עֶר דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט וָואס זָאל נָאר זַיין גֶענוּג פַאר אֵיין טָאג צוּ לֶעבְן, אַז דֶער זוּן זָאל קוּמֶען צוּ אִים יֶעדְן טָאג. הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אַף יִשְׂרָאֵל, מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אַרְבָּעָה וַחֲמִשָּׁה בָּנִים, הָיָה דּוֹאֵג וְאוֹמֵר, שֶׁמָּא לֹא יֵרֵד מָן לְמָחָר, וְנִמְצְאוּ כֻּלָּן מֵתִים בָּרָעָב, נִמְצְאוּ כֻּלָּן מְכַוְּנִים אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר, אַ אִיד אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּפְרִי, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר דַארְף פַּרְנָסָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן מָן; אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶע אִידְן, יֶעדְן טָאג הָאבְּן דִי אִידְן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאס נָאר וַוייל עֶר וִויל הֶערְן זַיין קוֹל, וִוי עֶר בֶּעט זִיךְ: "טַאטֶע אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה", "טַאטֶע אִיךְ דַארְף בְּרֶענְגְן בְּרוֹיט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers


**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908




>>>>>>
רַחֲמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין מִשְׁפָּחָה"; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זִיכֶער טְרֶעפְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה.

וִויסְן זָאלְסְטוּ עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ אַרְבֶּעט וואוּ צוּ פַאְרְדִינֶען וְכוּ', נָאר דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אָן קַיין פַּרְנָסָה, כַּמָה בַּטְלָנֵי אִיכָּא בְּשׁוּקָא, דָאס אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ גַאֲוָה, זֵיי וַוארְטְן צוּ טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה וָואס מֶען פַארְדִינְט גְלַייךְ גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן בִּיז זֵיי טְרֶעפְן נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע דְזְשַׁאבּ בָּארְגְן זֵיי גֶעלְט וְכוּ'. אָבֶּער בֶּאֱמֶת, וֶוען עֶס קוּמְט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף כָּבוֹד, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען הָאט אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דִי חוּפָּה אִין דִי כְּתוּבָּה: "אֲנָא אֵיזַן, וְאוֹקִיר, וְאֶפְלַח לֵיכִי", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם בּוּשָׁה צוּ אַרְבֶּעטְן אַ פָּשׁוּטֶ'ע אַרְבֶּעט וְכוּ', אַ בּוּשָׁה אִיז צוּ זֶען וִוי עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִינְגֶעלַייט כְּלוֹמֶרְ'ישֶׁע שֵׁיינֶע אִידְן (זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אַזוֹי), זֵיי בָּארְגְן פוּן מֶענְטְשְׁן גֶעלְט אוּן זֵיי בַּאצָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק, דָאס אִיז אַ בּוּשָׁה; אִיךְ בִּין שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן גְלַייךְ גֵיין אַרְבֶּעטְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואסֶערֶע אַרְבֶּעט - אַבִּי אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, עֶנְדֶערְשׁ וִוי זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן פּוּסְט אוּן לֵיידִיג אוּן זוּכְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ מְכוּבָּדְ'יגֶער פַּרְנָסָה וְכוּ'.

דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ חוֹדֶשׁ צַייט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'; זָאג אִיךְ דִיר: וֶועל דִיר נִישְׁט קַיין סַאךְ, נָאר גְלַייךְ אַז דוּ הֶערְסְט אַז אֵיינֶער זוּכְט אַ אַרְבֶּעטֶער, זָאלְסְטוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן אַז דוּ טְרֶעפְסְט עֶפֶּעס בֶּעסֶער קֶענְסְטוּ נָאכְדֶעם נֶעמֶען דִי בֶּעסֶערֶע וְכוּ', אָבֶּער סְתַּם זִיצְן לֵיידִיג אִיז נִישְׁט גוּט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשע"ח)




## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## יומא דהילולא קדישא פון מוהרא"ש זי"ע

די יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע איז אויסגענוצט געווארן דורך אידן איבער דער גארער וועלט בכלל, און דורך אנשי שלומינו בפרט, זיך צו דערמאנען די ליכטיגע זכרונות פון מוהרא"ש און צו איבער'חזר'ן זיינע הייליגע לימודים און עס אנהאלטן אויך אויף ווייטער.

אין לויף פון זיין גאנצן הייליגן לעבן האט מוהרא"ש נאר געוואלט איין זאך, און אויף דעם האט ער געארבעט טאג און נאכט, אריינצוברענגען די לימודים פון הייליגן רבי'ן אין יעדע אידישע הויז איבער די גאנצע וועלט. צו שטארקן און מחזק זיין יעדן איד אז ער זאל וויסן און געדענקען אלעמאל אז דער אייבערשטער איז שטענדיג מיט אים, און אין סיי וועלכע מצב א איד געפונט זיך נאר קען ער אייביג זיין נאנט צום אייבערשטן, און ער קען זיך שטענדיג צוריק קערן צום אייבערשטן.

יעצט, אין די צייט פון די יומא דהילולא קדישא, דערמאנען זיך אידן ווי אזוי זיי האבן באקומען חיזוק פון די הייליגע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש במשך די אלע יארן, און נוצן אויס די צייט ווייטער ממשיך צו זיין צו לערנען די הייליגע ספרים און צו מקיים זיין וואס דארט שטייט, און מיט דעם זיך איינקויפן א פרייליך און גליקליך לעבן ברוחניות ובגשמיות.

דורכאויס די גאנצע וואך, ובפרט אין די טאג פון יארצייט, האבן צענדליגע טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט פוקד געווען דעם ציון הקדוש אין יבנאל און זיך אויסגעבעטן בדבר ישועה ורחמים, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט אין זיין צוואה אז ווער עס וועט מתפלל זיין ביי זיין קבר וועט ער זיך משתדל זיין צו איינרייסן און פועל'ן פאר יענעם א ישועה. פילע האבן זוכה געווען אויסצוזאגן גאנץ תהלים בלי הפסק ביים ציון הק', אזוי ווי מוהרא"ש האט מבטיח געווען און געהייסן דאס אויסקריצן אויף זיין מצבה אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט דארט אויסזאגן גאנץ תהלים לזכותו, וועלן זיי זיכער געהאלפן ווערן מיט א שידוך בקרוב ובניקל.

מוהרא"ש האט געשריבן אין זיין צוואה אז אזוי ווי ביי זיין לעבן זענען אידן נתעורר געווארן צו תשובה דורך אים, די זעלבע וועט אויך זיין נאך זיין הסתלקות אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר וועט נתעורר ווערן תשובה צו טון און זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן. און דאס האט ספעציעל געקענט זען יעצט ביי די יומא דהילולא, די געוואלדיגע התעוררות וואס האט געהערשט אויפ'ן פלאץ, ווען פילע טויזנטער אידן האבן שופך שיח געווען און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ ביים ציון הק'.

דאהי אין אמעריקע איז פארגעקומען דער צענטראלער סעודת הילולא בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג. עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע אידן פון איבעראל זיך צו שטארקן אינאיינעם אין דעם געהויבענעם טאג. ביי די סעודה האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט ווי שטארק מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה וואס מיר האבן באקומען אז מיר האבן געהאט מוהרא"ש מיט אונז וואס האט אונז געלערנט די הייליגע לימודים פון רבי'ן, און די לימודים זענען ווייטער חי וקים, מיר דארפן עס נאר ווייטער לערנען און חזר'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ווען ס'קומט צו רעדן פון מוהרא"ש, איז דאס זייער שווער, מוהרא"ש האט אונז אזויפיל געגעבן אין לעבן, ער האט אזוי סאך געהאלפן אזויפיל אידן איבער די וועלט, אז ס'איז ממש נישט מעגליך דאס אראפצוברענגען און איבערדערציילן, כל המוסיף גורע, וויפיל מ'וועט רעדן וועט קיינמאל נישט זיין גענוג. דעריבער איז דער עיקר צו רעדן פון די לימודים און די עצות פון מוהרא"ש, ווי אזוי מיר קענען זיך שטארקן אין זיי און דאס ווייטער פארשפרייטן, דאס זענען גרעסטע מופתים פון מוהרא"ש, און דאס איז וואס מיר דארפן חזר'ן כסדר. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן, אז די עיקר מופתים וואס מ'האט געזען ביים רבי'ן איז געווען אז יעדער איד וואס איז געקומען צום רבי'ן, ער האט אויסגעהערט און גענומען די עצות פון רבי'ן, איז געווארן איבערגעדרייט צו א נייער מענטש, ער איז געווארן אן אמת'ער ערליכער איד. דאס איז אן אמת'ער רבי, דער וואס קען העלפן אידן, ער קען אין זיי אריינברענגען א ריינע אמונה, ער קען אין זיי אריינברענגען א שטארקייט און א פרישקייט זיך שטענדיג אויפצוהויבן און זיך שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט וואס מוהרא"ש האט געטון ווען ער איז געווען א יונגער בחור'ל און ער האט געטראפן א ספר'ל פון הייליגן רבי'ן, און דאס האט אים געטוישט זיין לעבן, ס'האט אים געברענגט נאנט צום אייבערשטן, און דאן האט מוהרא"ש נישט געהאלטן דעם סוד פאר זיך, נאר ער האט זיך גענומען פאר א ציל אין לעבן צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'נ'ס ווערטער איבער די גאנצע וועלט. אין יענע צייטן איז דער
<<<<<<

## מ'ציטערט פון די אייגענע שאטן

**ווי אזוי באקומט מען זעלבס זיכערקייט, צו זיין שטארק ביי זיך.**

הערט א רייכע שיעור אין די נושא:

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 1, 75**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**לע"נ ר' יוסף ב"ר יעקב הכהן ע"ה - יארצייט ט"ז שבט**
**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**